20 די חוטאים זאָלסטו שטראָפן פאַר אַלעמען, כדי
21 אַפילו די איבעריקע זאָלן מורא האָבן. איך באַשווער
דיך פאַר ג־ט און דעם משיח ישוע און די
אויסדערוויילטע מלאכים, אַז דו זאָלסט אָפּהיטן
די דאָזיקע זאַכן אָן פאָראורטייל, און גאָרנישט
22 טון מיט פּאַרטייאישקייט. גיב קיינעם נישט קיין
סמיכת ידים צו גיך, באַטייליק דיך נישט אין די
23 זינד פון אַנדערע; האַלט דיך ריין. טרינק נישט
מער קיין וואַסער, נאָר געברויך אַ ביסל ווײַן
צוליב דײַן מאָגן און די אָפטע שלאַפקייטן דײַנע.
24 די חטאים פון אייניקע מענטשן זענען באַשײַנפּערלעך
קלאָר, און גייען פאָרויס צום משפט; אַנדערע
25 מענטשן אָבער פאָלגן זיי נאָך. און אויך אַזוי די
מעשים טובים זענען באַשײַנפּערלעך קלאָר פאָרויס,
און די, וואָס זענען נישט אַזוי, קענען דאָך נישט
פאַרבאָרגן ווערן.

## קאַפּיטל זעקס

1 אַלע, וואָס זענען קנעכט אונטערן יאָך, זאָלן
באַטראַכטן זייערע האַרן ווי ראוי פון יעדן
כבוד, כדי ג־טס נאָמען און די לערנונג זאָלן נישט
2 געלעסטערט ווערן. און די, וועלכע האָבן האַרן
מאמינים, זאָלן זיי נישט מבזה זײַן, ווײַל זיי זענען
ברידער, נאָר זאָלן זיי נאָך מער דינען, ווײַל זיי
זענען מאמינים און געליבטע, וועלכע האָבן אַ
חלק אין דער מתנה (פון ג־ט). דאָס זאָלסטו לערנען
און מזהיר זײַן.
3 אויב עמיצער לערנט אַנדערש און שטימט נישט
איין מיט געזונטע ווערטער, די (ווערטער) פון
דעם האַר אונדזערן ישוע המשיח, און דער לערנונג,
4 וועלכע איז לויט יראת־שמים, איז ער אויפּ־